NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09650

FEYGL IN DER LUFTN

Shemuel Tsesler

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שמואל צעסלער

פייגל אין דער לופטן

קינדערלידער און קרייזשפילן

מיט א ווארט פארויס

פון מלך ראוויטש

הילע געצייכנט פון ב. נעמיראווסקי

ארויסגעגעבן פון א געזעלשאפטלעכן קאמיטעט, אויף דער
איניציאטיוו פון דראמקרייז „ר. זאסלאווסקי„ אין טוקומאן

ט ו ק ו מ א ן

א ר ג ע נ ט י נ ע

1 9 3 9

PÁJAROS EN EL AIRE

(FEIGL IN DER LUFTN)

POESIAS Y RONDAS PARA NIÑOS

de SAMUEL CHESLER

TUCUMAN, ARGENTINA
1 9 3 9

פייגל אין דער לופטן

קינדערלידער

און

קרייזשפילן

אַ וואָרט פֿאָרויס

פֿאַר טאַטע־מאַמעס, פֿאַר לערערס און פֿאַר מחברים פֿון קינדער־ליטעראַטור

אין טוקומאַן, אין אַ הייסער, סובטראָפּישער שטאָט פֿון צפֿון־אַרגענטינע, איז פֿאַראַנען אַ קליינע יידישע שולע. דאָרט איז דאָ אַ לערער, אַ „גרינער" נאָך, קוים עטלעכע יאָר אין דעם לאַנד, געקומען איז ער פֿון אַרום ביאַליסטאָק, וווּ ער איז אויך געווען אַ לערער. הייסן הייסט ער אַזוי ווי דער מחבר פֿון דעם בוך, שמואל צעסלער. און אַזוי ווי דאָס בוך איז איינס פֿון די גוטע יידישע קינדער־לידער־ביכער, איז אויך זיין מחבר איינער פֿון די גוטע יידישע קינדער־לידער־דיכטער.

צו זאָגן איז לייכט — עס איז אַן אינדיווידועלער ענין: מ י ר געפֿעלט און טו מיר עפּעס צו באַגרינדן וועט זיין שווערער, נאָר איך וועל פּרובירן.

מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז אין דער יידישער ליטעראַטור געווען אַן אונטערגאַנג פֿון קינדער־ליטעראַטור. די זאַך איז געקומען גאָר איינפֿאַך. יידישע פֿאַרלעגערס און לערערס האָבן זיך אַרומגעזען, אַז די סחורה פֿעלט. און מען האָט זי געוואָלט מעכאַניש זיך פֿאַרשאַפֿן. מען האָט זיך געווענדעט צו די אָנגענומענע דיכטער און געזאָגט: שרייבט, יאָטן! — און יאָטן האָבן זיך אַ נעם געטון צו דער מלאכה — אויך מעכאַניש. אַ פּשוטע זאַך: אַ דערוואַקסענער זאָגט „טיש" און אַ קינד זאָגט „טישעלע". און עס איז געוואָרן איבערגעמאַכט אַ ליטעראַטור פֿון „לע", מען האָט געלעלעט אויף טישלעך און אויף בענקעלעך. אָבער דער סוף איז געווען, אַז, די ערשטע די קינדער און שפּעטער די לערערס, האָבן מיט עקל די ליטעראַטור אָפּגערוקט פֿון זיך. נישט אין דעם באַשטייט קינדער־ליטעראַטור. קינדער־ליטעראַטור באַשטייט אין דער ערשטער רייע אין עכטן קינדערישן געמיט. קינדער זענען נישט קיין נאַרעלעך

און מען קען צו זיי מיט קיין נאַרישקייטן נישט צוגיין, קינדערישע נאַרישקייטן זענען פאַנטאַזיעס — פּאָעטישע פאַנטאַזיעס פון נאָך אומדערפאַרענע מענטשן, וואָס זענען אין ווּקס קלענער פון די אַלטע.

שאַפונגען פאַר קינדער מוזן האָבן אַ זין, מוזן זיין פאַרענדיקט, דער מחבר מוז עפּעס וועלן, ער מעג וועלן אַ פאַנטאַסטישע זאַך, אָבער זי מוז האָבן אַ דעצידירטע לאָגיק אין זיך. זיי מוזן זיין שטאַרק בילדעריש, קינדער זענען אינסטינקטיווע מבינים אויף קונסט, אויסדריקלעך אויף ק ו נ ס ט. קינדער זענען גרויזאַמע מבינים, זיי שטויסן אָפּ מיט רוגזה זאַכן, וואָס זענען נישט קינסטלעריש. קינדער זענען אַפילו גרעסערע מבינים אויף קונסט ווי דערוואַקסענע, זייערע געמיטער זענען ריינער, זייערע נשמות נאָך נענטער צו גאָט און צו דער נאַטור.

קינדער־דיכטונגען טאָר מען נישט שאַפן כלאחר־יד, נאָר אדרבא, מיט נאָך מער קאָנצענטרירטקייט ווי דיכטונגען פאַר דער־וואַקסענע. קינדער־דיכטונגען דאַרפן זיין פּערפעקטע, ווייל קינדער־לעזער האָבן פיינט פשרות, און צווינגט מען זיי צו לעזן נישט עכטע זאַכן, איז ווי מען צווינגט זיי צו עסן מאכלים, וואָס זייער נאַטור זענען זיי דערווידער. זיי קריגן פיינט די מאכלים, צוזאַמען מיט די, וואָס צווינגען זיי צו זיי.

נאָך אין בוענאָס איירעס, אין דער „יידישער צייטונג", האָב איך געלעזן צעסלערס קינדער־לידער און שטאַרק הנאה געהאַט פון זיי. איך האָב מיר געווונשן ווידער צו זיין אַ לערער און געבן די דיכטונגען צו לעזן מיינע תלמידים. איך געדענק גוט ווי איך האָב מיך געמוטשעט צו געפינען אין דעם באַרג פון דער יידישער קינ־דער־ליטעראַטור כאָטש איין קליינע שאַפונג פאַר יעדער יידיש־לעקציע. שפּעטער בין איך געווען אין טוקומאַן און עטלעכע טעג נאָכאַנאַנד אָבסערווירט צעסלערן, אָבסערווירט אים אין זיין היים אין זיין באַציונג צו זיין נאָענטסטער תלמידה'לע, זיין אייגן געראָטן טעכטערל, אָבסערווירט אים אויך אין זיין שולע און געזען דאָס פאַר־געניגן פון זיינע שילער, ווען ער האָט זיי געהייסן דעקלאַמירן אָדער זינגען זיינס אַ ליד.

קינדער האָבן פיינט אַ שפּראַך אויף גרודעס. צעסלערס שפּראַך איז גלאַט.

קינדער האָבן ליב בילדער. צעסלער האָט זיי — הגם נישט אין איבערפלוס.

קינדער האָבן ליב אַ פאַרענדיקט מעשהלע אין יעדן ליד, אינ־האַלט. אַזוי איז אין צעסלערס לידער.

קינדער האָבן ליב, אַז די לידער זאָלן זיין געוויקלט אין מו־זיקאַלישקייט, ווי צוקער אין פוטערווייכער שאָקאָלאַד, וואָס מאַכט

די זיסקייט אַליין צעגיין אין מויל. אַ סך פון צעסלערס לידער זיינען טאַקע אַזוי געוויקלט אין מוזיק, אין נאַטירלעכער מוזיק, אַז זיי צעגייען זיך אַליין אין מויל. קינדער האָבן דאָס ליב.

קינדער האָבן ליב דעם דראַמאַטיש־דעקלאַמאַטאַריש־טעאַטראַלישן עלעמענט אין ליד. קינדער־לידער דאַרפן, מוזן זיך לאָזן דעקלאַמירן. און אַ גרויסער טייל פון צעסלערס לידער בעטן זיך צו דעקלאַמאַציע — אַנדערע אויך צו געזאַנג.

איך הויב אַרויס ווי ממש פּערפעקטע קינדער־לידער: די קראַנקע טשערעפּאַכע, אַ פידלער, צווישן עופות, בלימעלעך, חיהלעס ליאַלקע און אַנדערע מער, וואָס איך צייל דאָ נישט אויף.

וואָלט מען מיך געפרעגט וואָלט איך אַ טייל לידער נישט אַריינגענומען אין דער זאַמלונג. איך וואָלט אויך ווי נישט ווי אַ סטראָף אַרויסגענומען און ווי נישט ווי אַ וואָרט געענדערט. איך וואָלט אויך די שרעקעוודיקע סאָציאַלע מאָטיוון אַרויסגענומען, נישט ווייל איך שרעק מיך פאַר די מאָטיוון, נאָר ווייל גראָד די דאָזיקע לידער געלינגען צופעליק צעסלערן צום שוואַכסטן.

אָבער אַלץ אין אַלעמען: קינדער־לידער־דיכטער! אָט אַזוי דאַרף מען שרייבן! און טאַטע־מאַמע און לערערס! — אָט אַזעלכע לידער דאַרף מען די קינדער געבן. אנו פרעגט ביי די בעלי דבר אַליין און איר וועט באַלד האָבן דעם רעזולטאַט. גיט אַ פּרוּוו מיט דער „קראַנקער טשערעפּאַכע", אָדער „דעם פידלער". די קינדערישע אייגעלעך וועלן באַלד אויפלייכטן, די אויערלעך זיך אויסשפּיצן. דאָס איז עפּעס גוטס פאַר זיי.

און דאָס איז דער לוין פאַר דער מיזאַמער און ערנסטער אַרבעט פון אַ דיכטער, וואָס סקאַנדירט מיט דער גרעסטער ליבשאַפט טאָג און נאַכט זיינע קינדער־לידער, וואָס פיילט זיי כסדר און כסדר, דאָ אַריין אַ וואָרט און דאָ אַרויס אַ וואָרט, אָט אַזוי ווי ערנסטע דיכטער פון קינדער־לידער דאַרפן טון. אַ דיכטער, וואָס האָט זיין מיסיע פאַרשטאַנען; די שיינע מיסיע פון אַ דיכטער פאַר יידישע קינדערלעך איבער גאָר דער וועלט. שוין היינט האָט מען צעסלערן אויף דער יידישער וועלט אָפּגעשאַצט אין די פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן און אין די שולעס און מען וועט עס אַלעמאָל מער און מער.

און שמואל צעסלער דאַרף זיך נישט אַ וואַקל טון און ווייטער גיין אויף דעם וועג. ער האָט זיין וועג געפונען.

מלך ראַוויטש

בוענאָס איירעס, סעפּטעמבער 1938.

פייגל אין דער לופטן

פייגל אין דער לופטן, שוועלבעלעך און טויבן.
האַלטן קליינע קינדער די קעפּעלעך געהויבן,
פּאַטשן מיט די הענטלעך, זינגען און קוועלן:
— וואָרפט אונדז געלט אַ ביטל! קרענצעלעך קאַרעלן!

פייגל אין דער לופטן. קינדער אין די גאַסן
קוקן צו דעם הימל: — פייגעלעך מיליאַסן!
טייטלען מיט די פינגער, ווייזן אָן צופרידן:
— פייגעלעך אין הימל פּראַוועז איצט יאַרידן!

פייגל אין דער לופטן, קאַראַהאָדן אויבן,
און אַ פּאָר אין מיטן, זילבער־ווייסע טויבן.
קינדער־פּיסלעך האָפּעז, אַ זינגערײַ פון אַלע:
— אַ חתונה פון פייגלעך, אין מיטן חתן־כּלה!

פייגל אין דער לופטן אין ווייטע ווייטן ציען,
פייגל אין דער לופטן פאַרשווינדן שוין אין פליען.
האַלטן קליינע קינדער די קעפּעלעך פאַרריסן:
— פליט פייגעלעך בשלום, לאָזט אַלע קינדער גריסן!

פיינעלעך

(קרייזשפּיל)

איז די נעסט שוין אויסגעפלאָכטן
קיילעכדיק און שיין ביז גאָר,
ווינען אין דער נעסט, אין מיטן,
קליינע פייגעלעך אַ פּאָר.
טראַ-לאַ-לאַ!
טראַ-לאַ-לאַ!
קליינע פייגעלעך אַ פּאָר.

אין דעם לויטער־בלויען הימל
שיינט די זון פון אינדערפרי,
זינגען פייגעלעך די קליינע:
— ציף-ציף-ציף! און פּי-פּי-פּי!
טרי-לי-לי!
טרי-לי-לי!
ציף-ציף-ציף! און פּי-פּי-פּי!

פון דער נעסט אַרויסגעפלויגן,
יאָגן פייגעלעך אין רוים,
מיט אַ דריי און מיט אַ טענצל,
פליען זיי פון בוים צו בוים:
פרו-פרו-פרו!
פרו-פרו-פרו!
פליען זיי פון בוים צו בוים.

אָנגעוויגט זיך אין דער לופטן,
אָנגעפלויגן און געדרייט,
זוכן ברעקעלעך, געפינען, —
עסן פייגעלעך מיט פרייד:
פיק-פיק-פיק!
פיק-פיק-פיק!
עסן פייגעלעך מיט פרייד.

זינקט אַראָפּ די זון אין הימל,
נורען, טוליען זיי זיך פעסט,
מיט אַ זיסן טרוים און דרימל
שלאָפן פייגעלעך אין נעסט:
אַליע-ליו!
אַליע-ליו!
שלאָפן פייגעלעך אין נעסט.

פרילינג מאַרש

האַלאָ!
האַלאָ!
דער פרילינג איז שוין דאָ!
אין רייען, קינדער, שפּאַנט און גייט,
באַגריסט דעם ליבן גאַסט מיט פרייד:
האַלאָ!
האַלאָ!
דער פרילינג איז שוין דאָ!

פאָרויס!
פאָרויס!
אין פליענ ברייט און גרויס!
דער הימל העלט, די זון — צעשטראַלט,
עס גרינט אין פעלד און ס'בליט דער וואַלד.
פאָרויס!
פאָרויס!
אין פליענ ברייט און גרויס!

צו פיר!
צו פיר!
אין פריילעכן מאַרשיר!
עס ציט דער וועג אַהין, אַהין,
וווּ אַלץ איז פריש און ניי, און גרין.
צו פיר!
צו פיר!
אין פריילעכן מאַרשיר!

געשפּאַנט!
געשפּאַנט!
אין פרילינגס וווּנדערלאַנד!
מיט יונגן טראָט און לייכטן גאַנג,
מיט העלער פרייד און מיט געזאַנג,
געשפּאַנט!
געשפּאַנט!
אין פרילינגס וווּנדערלאַנד!

די פּאַסטושקע און די נענדזלעך

(קרייזשפּיל)

די גענדזעלעך שפּרייזן,
די גענדזעלעך שפּרייזן
און צופּן דעם גרינעם, דעם זאַפטיקן גראָז.
עס גייט די פּאַסטושקע,
עס גייט די פּאַסטושקע
און רייסט מאַרגאַריטקעלעך ווייסע און ראָז.
טראַלאַ - לאַ - לאַ!
טראַ - לאַ - לאַ - לאַ!
און רייסט מאַרגאַריטקעלעך ווייסע און ראָז.

עס קניט די פּאַסטושקע,
עס קניט די פּאַסטושקע
און פלעכט פון די בלימלעך אַ פּרעכטיקן קראַנץ;
באַצירט אירע לאָקן,
באַצירט אירע לאָקן
און גייט אויף דער לאָנקע אַ פרייליכן טאַנץ.
טראַ - לאַ - לאַ - לאַ!
טראַ - לאַ - לאַ - לאַ!
און גייט אויף דער לאָנקע אַ פרייליכן טאַנץ.

עס שאָקלען צופרידן,
עס שאָקלען צופרידן
און טאַקט, מיט די קעפּלעך, די גענדזעלעך ווייס.
און הייבן די פיסלעך,
און הייבן די פיסלעך,
זיי טאַנצן אַרום דער פּאַסטושקע אין קרייז.
טראַ - לאַ - לאַ - לאַ!
טראַ - לאַ - לאַ - לאַ!
זיי טאַנצן אַרום דער פּאַסטושקע אין קרייז.

פליו, פליו, פילי!

פליו, פליו, פילי! פליו, פליו, פילי!
שפּילט דאָס פּאַסטעכל גאָר פיין
און די שעפּעלעך, די קליינע,
טרייבט ער פרי אין פּעלד אַריין.

פליו, פליו, פילי! פליו, פליו, פילי!
זינגען אונטער גראָז און בוים,
רוישט דאָס ווינטל, ברומט דאָס טייכל,
פייפן פייגל אינעם רוים.

פליו, פליו, פילי! פליו, פליו, פילי!
האַלטן אונטער וואַלד און פעלד,
זשומען בינען, זינגען גרילן,
שפּילט אַרום די גאַנצע וועלט.

פליו, פליו, פילי! פליו, פליו, פילי!
שפּילט דאָס פּאַסטעכל אויף זיין פלייט
און די שעפּעלעך, די קליינע,
טאַנצן מעקענדיק פאַר פרייד.

ציג און וואָלף

(קרייזשפּיל)

אויף דער גרינער לאָנקע
שפּילט אַ ציגעלע אַ ווייס,
שפּילט אַ ציגעלע אַ ווייס.
גיט אַ צופּ אַ גרעזל גרין,
שפּרינגט אַהער און שפּרינגט אַהין,
יאָגט זיך מעקענדיק אין קרייז.

פון דעם גרינעם וועלדל
קומט דער בייזער וואָלף צוגיין,
קומט דער בייזער וואָלף צוגיין;
מיט די אויגן בליצט ער ווילד,
מיט די ציינער קריצט ער ווילד,
פּאַקט דאָס ציגעלע, דאָס קליין.

— וועלפל, האָב רַחמָנות!
וויינט דאָס ציגעלע אין שרעק,
וויינט דאָס ציגעלע אין שרעק:
— מיט די ציינער בייס מיך ניט,
עס מיך ניט, צערייס מיך ניט,
לאָז מיך אָפּ און גיי אַוועק!

אָבער פּונדערווייטן,
צילט אַ יעגער שטילערהייט,
צילט אַ יעגער שטילערהייט,
טוט זיין ביקס אַ הויכן קנאַל.
ניט דער בייזער וואָלף אַ פאַל.
טאַנצט דאָס ציגעלע פאַר פרייד.

שניט

מיט שוויס געאַקערט און געזייט —
שוין געל דער ווייץ, צום שנײַדן גרייט.
צופֿרידן שטראַלט דער קאָלאָניסט:
זײַן מי איז ניט געווען אומזיסט.

די זאַנגען וויגן הין און הער
די קעפּלעך פֿול, די קעפּלעך שווער.
צופֿרידן שטראַלט דער קאָלאָניסט:
זײַן מי איז ניט געווען אומזיסט.

און אָטאָ קומט די שנייד־מאַשין,
אַ שניט אַהער, אַ שניט אַהין.
צופרידן שטראַלט דער קאָלאָניסט:
זיין מי איז ניט געווען אומזיסט.

עס וואַקסט די פרייד אין האַרץ און אויג
צוזאַמען מיט תבואה־סטויג.
צופרידן שטראַלט דער קאָלאָניסט;
זיין מי איז ניט געווען אומזיסט.

און אין די פעלדער ווייט, העט־העט,
הילכט אַ ליד פון ברויט און זעט.
צופרידן שטראַלט דער קאָלאָניסט:
זיין מי איז ניט געווען אומזיסט.

ס'איז וואַקאַציע שנעל אַנטלאָפֿן

ס'איז וואַקאַציע שנעל אַנטלאָפֿן,
גוטע טעג פֿאַרשווּנדן גיכער,
ס'איז די שול שוין ווידער אָפֿן,
איצטער — צו די העפֿטן, ביכער.

כ'האָב געשטיפֿט אין ביימער־שאָטן
פֿון די וועלדער גרין באַבלעטערט,
אין די טייכן זיך געבאָדן
און אויף הויכע בערג געקלעטערט.

כ'האָב געזען אין דאָרף אין ליבן
ווי נאַטור האָט זיך געביטן:
מ'האָט אין סעדער פֿרוכט געקליבן
און אין פֿעלדער ווייץ געשניטן.

האָב איך איצט אַ הויט אַ נייע,
אַ סך טינקעלער און פיינער:
ס'האָבן זון און ווינטן פרייע
מיך פאַרברוינט ווי אַ ציגיינער.

אָבער גיך איז מיר אַנטלאָפן
מיין וואַקאַציע, ווי אַ וויכער,
ס'איז די שול שוין ווידער אָפן,
איצטער — צו די העפטן, ביכער.

דער בושל אין האַרבסט

שטייט דער בושל אויף איין פוס,
איין אויג צו, דאָס צווייטע אָפן:
— עסן דאַרף מען און מען מוז
זענען זשאַבעס זיך צעלאָפן,
אויפן טייך־גרונט איינגעשלאָפן.

אַלע זומפן דורכגעשפּרייזט
און קיין איינציקע געפונען;
אַלע ווערעם, אַלע מייז,
זענען ערגעץ ווו אַנטרונען,
ווי זיי וואָלטן אויסגערונען.

אָנגעקומען איז דער האַרבסט,
אויס מיט זומער דעם באַליבטן!
קעלט און הונגער, אָטאָ שטאַרבסט
אין דעם וועטער דעם באַטריבטן.
— וואָס? אַ פּלי טון קיין עגיפּטן?

האָט די רויז דעם קאָפּ פאַרבויגן

האָט די רויז דעם קאָפּ פאַרבויגן
און געשמאַכט קראַנק און שווער,
פון די שיינע בלומען־אויגן
האָט זי שטיל געלאָזט אַ טרער.

און באַדעקט מיט בלייכע פאַרבן,
האָט זי אויסגעזיפצט פאַרשמאַכט:
— אוי, כ'מוז שטאַרבן! אוי, כ'מוז שטאַרבן!
ס'האָט די קעלט מיך אומגעבראַכט!

האָבן ביימער העגט פאַרבראָכן
און געוואָרפן זיך אין שרעק:
— אָ, די לעצטע רויז אין גאָרטן,
גייט שוין אויך פון אונז אַוועק!

האָט געוויינט דער גרויער הימל
און געשלוכצט האָט ווינט פון האַרבסט:
— רויזן־בלימל, רויזן־בלימל,
אַך, ווי יונג אַזוי דו שטאַרבסט!

אַ פּיִנגלטיש

ס׳האָט אַ קליינטשיק שרעטעלע
צוגעקלאַפּט אַ ברעטעלע,
צו מיין פענצטערל פון דרויסן.
ווייס איך שוין וואָס ער איז אויסן:

זאַמל איך פון טיש צונויף
און איך לייג אַוועק דערויף
נאָכן עסן, ברעקלעך אַלע,
סיי פון ברויט און סיי פון חַלָה.

איצט איז ווינטער און ס׳איז קאַלט,
קומען פייגעלעך פון וואַלד
מיט די ברעקעלעך זיך קוויקן
און זיי פּיקן און זיי פּיקן.

זאַטע צווּיטשערן זיי לאַנג,
זינגען אוּים: „אַ שיינעם דאַנק!"
נאָכדעם פליען זיי פון ברעטל
צו דערציילן עס דעם שרעטל.

ווּעט דאָס שרעטל גראָבן מיר
אוצָרות רענדלעך אָן אַ שיעור,
כ'וועל דער מאַמען שענקען אַלע,
ווּעט זי קויפן ברויט און חַלָה.

א זאַוועדוכע

ס'איז אַ שׂמחה אין די גאַסן!
און עס דרייען זיך, און פליען
בלאַנקע סערפּענטינען־פּאַסן,
הורבעס ווייסע קאָנפעטיען.

זענען ווינטן די קלעזמאָרים,
שטיבער־קוימענס — די טרומייטן,
און די פויקן מיט די טאַצן —
זענען שילדן פון די קלייטן.

ציען ווינטן אויך מיט בויגנס
איבער פידלען און זיי צופּן
אויף די סטרונעס, אָנגעצויגן
אויף די טעלעגראַפן־סלופּן.

לאָזט די גאַנצע וועלט זיך טאַנצן
און דעם שניי־ווייסן געווימל,
טאַנצן לאָרנס, טאַנצן שטיבער,
ס׳טאַנצט די ערד איצט מיטן הימל.

אויף די שויבּיקע געמעלן
גיבּן קינדערלעך אַ כוכע,
און זיי קוקן, און זיי קוועלן:
— מאַמעלעך, סאַ זאַווערוכע!

ניט צו גלויבן

פון אַ שטעטל אין איראָפּע,
שרייבט אַזוי מיין אַלטע באָבע:

„כ'קען איך שרייבן, ליבע קינדער,
דאָ, ביי אונדז, איז איצטער ווינטער.

ווילדע זאַווערוכעס ווייען,
אַלץ איז דאָ באַדעקט מיט שנייען;

גרויסע קעלטן, פראָסט אויף שויבן." —
ס'איז צום שטוינען, נישט צום גלויבן.

היינט האָב איך זיך צוגעקליבן
און דער באָבען אויך געשריבן,

אַז בײַ אונדז, דאָ, הערשן היצן,
שטיקט אַזוי און שטוב צו זיצן,

זוכן מענטשן ביימער־שאָטן
און איך פֿאָר צום יַם זיך באָדן.

כ'שטעל זיך פֿאָר דער באָבעס מינע,
מורמלט: „נאַ דיר אַרגענטינע!

היצן, שרײַבט ער, און דאָ — קעלטן,
עפּעס גאָר פֿאַרקערטע וועלטן!"

און אין שטול, ביים הייסן אויוון,
וועט זי שעפּטשען: „ניט צו גלויבן!"

די באָבע און די אייניקלעך

(קרייזשפּיל)

— ס'גייט די באָבע! ס'קומט די באָבע!
עפֿנט ברייט די דרויסן־טיר!
אַלע אייניקלעך, אין רעדל,
טאַנצן פֿרײלעך אַרום איר.
אָט אַזוי־אָ,
אָט אַזוי־אָ,
טאַנצן פֿרײלעך אַרום איר.

זעצט די באָבע זיך אין מיטן,
אין אַ שטול געבעט אין ווייס,
און די איניקלעך, די קליינע,
קניען אַרום איר אין קרייז.
אָט אַזוי־אָ,
אָט אַזוי־אָ,
קניען אַרום איר אין קרייז.

— כ'וועל אַ מעשה אייך דערציילן
און אין איין וועג עפּעס טאָן!
זאָגט די באָבע; אויף די אויגן
טוט זי אירע ברילן אָן.
אָט אַזוי־אָ,
אָט אַזוי־אָ,
טוט זי אירע ברילן אָן.

נעמט דערנאָך אַ קנייכל באַוול,
לייגט אַריין אין שוים צו זיך,
מיט די לאַנגע, דינע שפּיזלען,
שטריקט ד באָבע פּלינק און גיך.
אָט אַזוי־אָ,
אָט אַזוי־אָ,
שטריקט די באָבע פּלינק און גיך.

הייבט אַ מַעשֶה אָן דערציילן:
— וואַלד אַרויס און וואַלד אַריין!
נאָר אין סאַמע רעכטן מיטן —
שלאָפט די גוטע באָבע איין.
אָט אַזוי־אָ,
אָט אַזוי־אָ,
שלאָפט די גוטע באָבע איין.

אַ מַעשׂה אַהין, אַ מַעשׂה אַהער

— אַ מַעשׂה אַהין, אַ מַעשׂה אַהער!
אַזוי הויבט אָן די באָבע:
— האָט געלעבט אַ ברוינער בער,
מיט פיר לאַפּעס גראָבע.

האָט דער בער געוווינט אין הייל,
ווייט אין וואַלד, אין טיפן,
פלעגט ער טעג פאַרברענגען וויל,
טאַנצן, הוליען, שטיפן.

האָט דאָרט ווען דער סאָלאָווײ
פערלדיק געזונגען —
איז דער בער אויף לאַפּעס צווײ,
הין און הער געשפּרונגען.

האָט דער פּיקהאָלץ זיך צעקנאַקט,
אויפן בוים געפּײקלט,
האָט דער בער אין גראָז, צום טאַקט,
קונציק זיך געקײקלט.

האָט קוקאַווקע ווײט אין וואַלד,
אויפן צווײַג געקוקעט —
האָט דער בער געהאָפּעט באַלד,
פרײלעך צוגעמרוקעט.

אָפּגעטאַנצט טאָג אײן טאָג אויס,
אויף די לאַפּעס גראָבע.
אַ מַעֲשֶׂה אַרײַן, אַ מַעֲשֶׂה אַרויס!
אַזוי לאָזט אויס די באָבע.

אַ בער

ס'האָט מאַטעלע זיך אָנגעטאָן
אין טאַטנס פעלץ קאַפּויער
און זיך געשטעלט אויף אַלע פיר,
און קווטשעט אומגעהויער:

„אַ בער! אַ בער! אַ בו! אַ בו!
איך וועל איך באַלד צעבייסן!
אַ בער! אַ בער! אַ בו! אַ בו!
איך וועל איך באַלד צערייסן!"

האָט חבֿרה גלייך אַ לאָז געטאָן
באַהאַלטן זיך, אַנטלויפֿן.
ווער אויפֿן שטול, ווער אויפֿן טיש
און ווער אין ווינקל אויוון.

שרייט רחלע און טופּעט מיט
די פֿיסעלעך די קליינע:
„אוי, מאַטעלע, אוי, מאַטעלע,
צעריים מיך ניט, כ'על וויינען!"

און זיסעלע מיט מיישעלען
זיי ליאַרעמען צוזאַמען:
„אויב דו וועסט בייסן, מאַטעלע —
דערציילן מיר דער מאַמען!"

און איצעלע לויפֿט הין און הער,
און שרייט, און מאַכט געוואַלדן:
אַזוי פֿיל דאָ באַהעלטערלעך —
און קען זיך נישט באַהאַלטן — — —

די דריי־יעריקע שיינדעלע,
האָט גאָר זיך ניט דערשראָקן,
לויפט לאַכנדיק צו מאָטעלען
און גלעט אים ביי די לאָקן:

„דו מאָטעלע ניט טשעפּען מיר,
דו מאָטעלע אַ גוטער,
איך וויים, דו טאַקע ניט אַ בער,
דו אין דעם פּאַפּאַס פוטער!"

דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט

איבער ימען העל־צעבלויט,
פירן שיפן אום דעם טויט:
ריזן־קרייצערס, מיט מיליאָנען
שוואַרצע מיילער פון קאַנאָנען.

אויף יבשה — הין און הער,
באַנען אָנגעלאָדן שווער,
שלעפן טאַנקען און האַרמאַטן,
און באַוואָפנטע סאָלדאַטן.

אין דער לופטן קאָכט און זידט:
עראָפּלאַנען שטאָל־געשמידט,
טראָגן איבער לענדער, ימען, —
באָמבעס, היפּעריטן, סמען.

ראַדיאָ — ברענגט יעדע מינוט
נייס פון שחיטות און פון בלוט,
פון פּאָגראָמען און רדיפות,
און פון טייוולשע אַסיפות.

איז דער טאַטע גרייט צום קריג,
הענגט די שרעק אין מאַמעס בליק,
קינדער שוידערן פאַרוווּנדערט:
— ס'איז דאָס צוואַנציקסטע יאָרהונדערט? — — —

אויפֿן באַרג, אין גרינעם גראָז

אויפֿן באַרג, אין גרינעם גראָז,
שטייט אַ גינגאָלדענער שלאָס,
זיצן מיידלעך צוויי אין דרינען
און זיי נייען, און זיי שפּינען.

איינע נייט פֿון העלער פֿרייד
אַ צעשטראַלטע ווונדער־קלייד,
וועלן מענטשן גוט זיך פֿירן —
וועט זי ערד מיט דעם באַצירן.

און די צווייטע נייט און שטריקט
אויס, אַ שאַל פֿון ריינעם גליק,
וועלן מענטשן זיך ניט שלאָגן —
ברענגט זי וועלט דעם שאַל צוטראָגן.

איז אין שלאָס אַ פֿענצטער דאָ,
וואַרטן מיידלעך יעדע שעה,
אַז אַ ווייסע טויב זאָל קומען
און די העלע בשורה ברומען,

אַז די מענטשן לעבן גוט
און פאַרגינען ניט קיין בלוט,
ס'איז די ערד אַ בלומען־גאָרטן,
רו און שָלום הערשן דאָרטן.

נאָר צום פענצטער, יעדע שָעה,
קומט און קראַקעט ביז אַ קראָ:
— ערד איז טייל באַדעקט מיט פּגרים
און מיט יונגע ברידער־קבָרים! — — —

אויפן באַרג, אין גרינעם גראָז,
אין דעם גינגאָלדענעם שלאָס,
נייען מיידלעך צוויי און שפּינען,
און די טרערן רינען, רינען — — — —

וויגנליד

שלאָף מיין קינד און כליפּע נישט,
הונגער־נאַכט פאַרהילט דיין וויגל,
שלאָפט שוין לאַנג אָן ברויט דער טיש
און אָן אַ טראָפּן מילך דאָס קריגל.
טרוימסטו ווען אַ ברויטל פריש —
הענגט אויף אים אַ גאָלדן זיגל.
אַליע־ליו!

שלאָף מיין קינד! אויף נאַסער וואַנט
דרעמלען שאָטנס איינגעקלאַמערט.
דריי זיך איין אין אַלט געוואַנט,
קאַלט און פינצטער איז אין קאַמער.
אין דיין טאַטנס דאַרער האַנט
איינגעשלאָפן איז דער האַמער.
אַליע־ליו!

שלאָף מיין קינד! די נאַכט פון נויט
וועט צערינען ביי דיין וויגל.
ס'וועט אַ העלער מאָרגנרויט
שטורמען איר מיט פייער־פליגל.
זינגען וועט דער טיש מיט ברויט
און מיט מילך דאָס פולע קריגל.
אַליע־ליו!

שלאָף מיין קינדעלע, שלאָף

שלאָף מיין קינדעלע, שלאָף,
שטייען אונטער דיין וויג
איצט, אַ ווייסינקע שאָף
און אַ גאָלדענע ציג.

דורך דער פינצטערער נאַכט
האָט געיאָגט מיט ווינט,
אַ מַתָּנָה געבראַכט
האָט די שאָף פאַר מיין קינד.

און פון האַנדל צוריק,
איבער שטאָק, איבער שטיין,
איז געשפרונגען די ציג
צו מיין קינדעלע קליין.

ברענגט די שאָף אָן אַ שיעור
גוטע מאַנדלען און ניס,
און די ציג האַלט פאַר דיר
קליינע ראָזשינקעס זיס.

אויף דעם גרויסן יאַריד
עס געקויפט, דיר געבראַכט,
נאָר די ציג זי איז מיד
און די שאָף איז פאַרשמאַכט.

שווער געווען זייער וועג,
גאַרן ביידע נאָך רו —
און די שאָף קניט אַוועק,
און די ציג לייגט זיך צו.

שלאָף מיין קינדעלע, שלאָף,
ס'דרעמלען אונטער דיין וויג
איצט, די ווייסינקע שאָף
און די גאָלדענע ציג.

באַגינען

אָטאָ פינצטער נאָך געווען איז,
נאָר די נאַכט־שאָטנס צערינען
און עס הילכן שוין סירענעס
אין דעם לויטערן באַגינען.

כאַפּט זיך אויף פון שלאָף דער טאַטע
מיט אַ מידקייט אין די בליקן,
און ער לאָזט זיך צו דער אַרבעט
אויפן רוף פון די פאַבריקן.

און מיין ברודער איז אַ שליאָסער,
איילט ער אויפשטיין מיטן טאַטן,
פרי מוז ער די שטוב פאַרלאָזן
און אַריין אין די וואַרשטאַטן.

און די שוועסטערס מיינע, גייען
מ׳ טן שפּראָץ פון דעם באַגינען,
העמדלעך נייען, קליידלעך נייען,
האָרעווען ביי די מאַשינען.

טו איך אויך זיך אָן וואָס גיכער,
איייל מיט זיי און בין פאַרנומען:
כ׳פּאַק די העפטן און די ביכער,
וויל אין שול דער ערשטער קומען.

טראַפּיק

ווען איך גיי אין שול, באַגינען,
זאָגט די מאַמע: „האָב אין זינען
און פאַרטראַכט זיך ניט, בשעת
דו גייסט דורכקרייצן אַ גאַס!"

האָב איך אויגן. נאָר אַנומלט,
האָט מיך רויש פון שטאָט פאַרטומלט,
ס'האָט באַגעגנט מיך די גאַס,
מיט אַ ליאַרעם, מיט אַ רעש:

אויבן רוישן עראָפּלאַנען,
סובטעראַנעאָס, גאַסן־באַנען,
איבער, אין און אויף דער ערד —
שטאָל־געשמידטע פייגל, פערד.

קלינגערייען, פּילדערייען,
אַ געגרילץ פון די טראַמווייען,
אויטאָס ווילד פאַרטאַרעראַמט,
טרובען, יאָגן ווי פאַרסַמט.

טומל, ליאַרעם און געשרייען —
ס'האָט מיך קאָפּ גענומען דרייען
און איך בין אין רויש פון שטאָט,
שיעור אַרונטער אונטער ראָד.

נאָר דער שוצמאַן, דער מונדירטער,
וואָס דעם טראַפיק רעגולירט ער,
דער עסקינע־וויזשילאַנט,
האָט אַ הייב געטאָן די האַנט —

זענען רעדער שטיין געבליבן,
נישט צעמאָלן מיך, צעריבן,
כ׳בין בשלום דורך מיין וועג,
אָפּגעקומען בלויז מיט שרעק.

איז געדענק איך מאַמעס ווערטער,
און די אַלע טראַפּיק־ערטער
און כ׳פאַרטראַכט זיך ניט, בשעת
איך גיי דורכקרייצן אַ גאַס.

אַלע אין דער פּרי

(קרייזשפּיל)

ראָד אַרוים, ראָד אַריין.
גאָלדעלע דו פיין,
ווייז ווי אַלע אין דער פּרי,
וואַשן מיר זיך איין.

ווייז ווי אַלע אין דער פּרי,
וואַשן מיר זיך איין.

— מיט זייף די הענט און פּנים, ריין,
און מיט בערשטעלע די ציין.
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
וואַשן מיר זיך איין.

אלע: — אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
וואַשן מיר זיך איין.

גילדן פאָן, גילדן פאָן,
שטייסט אין מיטן קאָן.
ווייז ווי אַלע אין דער פרי,
טוען מיר זיך אָן.

ווייז ווי אַלע אין דער פרי,
טוען מיר זיך אָן.

— די ריינע קליידער און די שיך,
קנעפּלען גיך, און שנירן גיך.
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
טוען מיר זיך אָן.

אַלע: — אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
טוען מיר זיך אָן.

אויף די קני! אויף די קני!
ווייז אונדז איצטער, ווי
גוטע קינדער טרינקען מילך,
אלע אין דער פרי.

גוטע קינדער טרינקען מילך,
אלע אין דער פרי.

— דאָס ברויט באַשמירט מיט עפּעס וואָס,
פרישע מילך אַ פולע גלאָז.
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
אלע אין דער פרי.

אַלע: — אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
אלע אין דער פרי.

ראָד אַרוים, ראָד אַריין.
גאָלדעלע דו פיין,
ווייז, ווי גייען מיר דערנאָך,
פלינק אין שול אַריין.

ווייז, ווי גייען מיר דערנאָך,
פלינק אין שול אַריין.

מיט חשק און מיט רענצלעך פול,
גייען מיר אין אונדזער שול,
אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
פלינק אין שול אַריין.

אַלע: — אָט אַזוי,
אָט אַזוי,
פלינק אין שול אַריין.

איך שרייב שוין מיט טינט

אַ וואָך, אַז איך שרייב שוין
מיט טינט און אַ פּען.
וואָלט איר איצטער, מענטשן,
מיין העפט נאָר געזען:

פאַרשמירט און פאַרגאָסן.
פאַרשמוצט און פאַרפלעקט.
עס וויל מיר ניט פאָלגן
מיין פּען — און געעקט!

אַט גיט זי אַ שטאָך זיך
אין העפט מיט איר שפּיץ,
דאָ לייגט זי אַ „בולקע”,
דאָ גיט זי אַ שפּריץ.

און גייט שוין נישקשה,
— עס קומט מיר אָן שווער —
דערלאַנגט זיך דער טינטער
גאָר פּלוצלונג אַ קער,

און ס׳גיט מיר אַ צאַפּל
צעשראָקן דאָס האַרץ, —
נאָר ס׳איז שוין דאָס זייטל
פאַרגאָסן און שוואַרץ.

און הענט האָב איך — שרעקלעך!
די פינגער, אַצינד,
פון ערשטן ביז לעצטן
פאַרשמירטע אין טינט.

און טאָמער איז ווייניק,
— איך ווייס ניט פֿון וואָס —
איז שוואַרץ נאָך, אַ צוליינג,
דער שפּיץ פֿון מיין נאָז...

שוין גלייכער, אַז איר זאָלט
מיך איצטער ניט זען.
ס'איז צָרות צו שרייבן
מיט טינט און אַ פּען.

ס'איז גרינג צו זיין אַ לערער...

ס'איז גרינג צו זיין אַ לערער,
ס'איז גאָר אַ קנאַפּער קונץ —
ער זיצט זיך ביי זיין טישל
און שרייבן הייסט ער אונדז.

מע מוז אים הערן רויק,
ניט געבן זיך קיין ריר.
און ער באַפעלט כסדר —
אַ גאַנצער קאָמאַנדיר:

— דו, קריץ ניט אויפן בענקל!
הע, שאַר ניט מיטן שוך!
וואָס קערסטו דאָרט דעם טינטער?
וואָס שרייבסטו אויפן בוך?

און שטרענג איז ער אויף פּויזעס —
איר האָט ניט קיין באַגריף,
מע מוז אים אַלצדינג פּאָלגן,
מע טאָר ניט טאָן קיין שטיף:

— וואָס גיסטו זיך מיט וואַסער?
וואָס קריכסטו אויף די ווענט?
הע, וואַרף ניט מיט קיין שטיינער!
פאַרשמיר אים ניט די הענט!

ער האָט כּסדר טענות,
און טאָן אַלץ — הייסט ער אונדז.
ס'איז גרינג צו זיין אַ לערער,
ס'איז אַ קנאַפּער קונץ.

ראַדיאָ

האָבן מיר אין שול אַ ראַדיאָ,
ס'איז אַ זעלטענע מאַשין:
אָטאָ רעדט אַ מענטש אין לאָנדאָן,
אָטאָ זינגט מען אין בערלין.

און אָט גאָר אין ווייטן סטאַמבול,
פון אַ הויכן מינאַרעט,
רופט מען פרומע מאַכמעדאַנער
צו אַ תּפֿילה אין מעטשעט.

אָט קלינגט אין פאַריז דער זייגער,
אָט איז אַ קאָנצערט אין רוים.
פאַר די עטערישע כוואַליעס
האָט דאָס ערדקויל ניט קיין צוים.

אָ, ווי שטאַרק איך וויל די סודות
פון דעם אַפּאַראַט דערגיין.
כ'וועל זיך איצטער פלייסיק לערנען
און וועל אַלצדינג שוין פאַרשטיין.

כ'האָב ליב די פּויזעס...

איר ווייסט? איך האָב צום ליבסטן
די פּויזעס אין דער שול.
דער לערער רעדט אַף שְׁעהעו,
מע קען אַזש ווערן דול.

דערציילט אַזעלכע מַעֲשֹׂים
וואָס בלויז נאָר ער פאַרשטייט,
און וויל מען זאָל גלייבן
אין אַלע זיינע רייד.

אַט האָט ער אונדז אַ טשייניק:
די ערד זי דרייט זיך דאָרט.
איך זע ניט, אַז זי שטייט גאָר
און רירט זיך ניט פון אָרט?

ער קען געני אייך זאָגן
ווי טיף עס איז דער ים,
ווי ווייט פון אונדז די זון איז,
ווי שטאַרק עס איז איר פלאַם.

און וואָס איר זאָלט ניט נעמען —
איז ווייסט ער ווי און ווו,
און הייסט אונדז אַלץ געדענקען —
וואָס זאָגט איר נישט דערצו?

אָט נעמט למשל ציפער:
איז ווי ער זאָגט — מוז זיין,
און מיך וואָלט גאָרניט אַרן,
ווען פיר מיט דריי, איז ניין.

מע מוז אים פאָלגן, הערן,
מען קען אַזש ווערן דול.
האָב איך צוב ליבסטן טאַקע,
די פויזעס אין דער שול.

דער מאָלער

איך קען אַלץ אַזוי שיין מאָלן,
כ'צייכן בילדער אָן אַ צאָל,
אָבער כ'ווייס ניט פאַרוואָס קיינער
גאָר, דערקענט ניט וואָס איך מאָל.

היינט האָב איך געמאַכט אַ גלעקל,
פרעג איך: — מאַמע, וואָס איז דאָס?
ענטפערט זי: — דאָס איז אַ טעפּל,
אָדער גאָר אַזאַ מין גלאָז!

כ'האָב אין שול אַ פערד געצייכנט,
כ'זאָג איך, טאַקע אַן אַנטיק,
ווייז איך עס דעם לערער, מאַכט ער:
— ס'איז דאָך גאָר אַ פיינע ציג!

כ'האָב אַנומלט אויסגעמאָלן
נאָר אַ פרעכטיקן פּאַיאַץ,
פּאַטשט מיין שוועסטערל די הענטלעך:
— מאַמעלעך, סאַ שיינע קאַץ!

כ'צייכן ווי דער בעסטער קינסטלער.
כ'האָב שוין בילדער אָן אַ צאָל.
ס'איז אָבער אַ גרויסע צָרה:
מע דערקענט ניט וואָס איך מאָל.

אַ טאַלאַנט...

מענדל „שמיר" איז אַ טאַלאַנט,
צייכנט ער ווי נאָר אַ וואַנט.
אין זיין גאַס און אין דער שול,
זענען ווענט באַמאָלן פול.

אָנגעשמירט מיט קרייט און קויל
מענטשן, הענט און פיס — אַ גרויל!
דאָ אַ טיש און דאָ אַ בעט,
דאָ אַ מאַלפּע, צי אַ שֵד.

רעדט דער לערער: „ס'איז אַ שאַנד
צו פאַרשמירן ווי אַ וואַנט!"
און די מאַמע ברעכט די הענט:
„מענדל, שרייב ניט אויף די ווענט!"

נאָר עס העלפט ניט וואָס מע רעדט,
וואָס מע מוסרט אים, מע בעט —
מענדל צייכנט נאָך אַ נאַנד,
ווי ער זעט אַ ריינע וואַנט.

קיטאַ

קיטאַ איז כּסדר
פאַרשמירט אין שמוץ און בלאָטע,
ווייל גאַנצע טעג איז ער נאָר
פאַרנומען מיט „פּעלאָטע".

ביי אים איז אַלץ אַ סחורה,
אַלץ זענען פּילקעס ווילע:
אַ לימענע אַ גרינע
און פּאָמעראַנצן פוילע,

אַ שטיקל אַלטע שמאַטע,
אַ שמוציקער פּאַפּירל
צונויפגעדרייט אין הויפן
פאַרבונדן מיט אַ שנירל.

ער שפּילט ביי זיך אין צימער,
די מאַמע בעט זיך: „וואַרף ניט!"
ער הערט איר ווי דעם קאַטער
און טרעפט אַוווּ מען דאַרף ניט.

אין שול, אויף יעדער פּויזע,
איז ער אַ וועלטן־קוערער;
ווען נאָר ער צילט אין טויער —
טרעפט ער אין גאָז דעם לערער — — — —

ער שפּילט אין גאַס אין מיטן
און שיסט כּסדר „גאָלן".
נישט איין מאָל האָבן אויטאָס
אים שיעור אויף שטויב צעמאָלן.

איז שטענדיק אַ פאַרשוויצטער,
דאָס פּנים רויט — געפּערלעך,
די אייגלעך ווילדע ברענען,
צעשויבערט זיינע הערלעך.

ער קען אין שול אַ וואָרט ניט,
ער איז דער ערגסטער שילער,
דערפאַר איז ער אַ בקי
אין אַלע פוטבאָל־שפּילער.

ער קען זיי יעדן איינעם,
איז קלאָר אין אַלע נעמען
און ווייסט פון אַלע מאַטשן,
ווער עס געווינט ביי וועמען.

זיין מאַמע שרייט: „משומד,
נעם לערנען, שרייבן, מאָלן.
ביי וועמען ס׳פּליט דער מוח —
ביי קיטאָן פליען גאָלן!״

אַ זונענהאָז

מיר וווינען אין אַ קעלערשטוב,
אַן ענגער און אַ קליינער,
דרינגט קיינמאָל דאָרטן ניט אַריין
קיין זונענשטראַל, קיין איינער.

מיין קראַנק, פאַרטריקנט שוועסטערל
קוקט צו דער גאַס אַריבער
און רעדט פאַרבענקט: „ווי שיין עס שיינט
די זון אַנטקעגנאיבער!"

זי קוקט מיט שווערן, שטילן צער
און מוז אין בעטל ליגן.
בין איך געפאַלן אויף אַ פּלאַן:
אַ שפּיגלגלאָז געקריגן,

און האַלטנדיק עס אויף דער זון,
ציל איך צו אונדז זיין גלאַנצן,
הייבט אָן אַ העלער זונענהאַז
אין קעלערשטוב צו טאַנצן.

שטראַלט אויף מיין אָרעם שוועסטערל
ביי יעדן לויכט און שימער,
און טאַנצט מיט פרייד אין בעטל אום:
„די זון איז דאָ אין צימער!"

צום אויטאָמאַט

אויטאָמאַט, אויטאָמאַט,
וואַרף אַרויס אַ שאָקאָלאַד!
האָסט דאָך שאָקאָלאַד אַ וועלט,
וואַרף־זשע איינס, פאַר מיר, אָן געלט!

ס'איז מיין טאַטע שטאַרק געדריקט,
האָט קיין אַרבעט אין פאַבריק.
און מיין מאַמע, שוין פון לאַנג,
ליגט אין בעט צעבראָכן, קראַנק.

קוים זי אָטעמט, קוים זי לעבט,
ס'איז ניטאָ אויף קיין רעצעפט
און אַפילו ניט אויף ברויט,
ליידן אַלע הונגער, נויט.

אויטאָמאַט, אויטאָמאַט,
וואַרף אַרויס אַ שאָקאָלאַד!
האָסט דאָך שאָקאָלאַד אַ וועלט,
וואַרף־זשע איינס, פאַר מיר, אָן געלט!

דער שיכפּוצער

כ׳פּוץ די שיך! איך פּוץ די שיך!
שטעל אַרויף דיין פוס דאָ גיך.

אָט איך גיב אַ נעם צוערשט
און אַ רייב די שיך מיט בערשט,

טאַנצן בערשט אַהין, אַהער —
איז קיין שטויב נישטאָ שוין מער.

איצט מיט פאַסטע איינגעשמירט
און מיט וואַקס אַדורכגעפּירט,

און געבאַרשט זיי פון דאָס ניי —
ווערן שיך ווי שפּאָגל ניי.

איצטער נעם איך יעדן שוך,
פּוץ אַרום נאָך מיט אַ טוך.

זעסט אַ גלאַנץ? עס בליצט און בלענדט.
סי סעניאָר, אַהער צען סענט!

די שפּראַך פון ביציקלעט

האָב איך מיר אַ ביציקלעט,
וואָלט איר הערן ווי ער רעדט,

ווי ער טאַטעט אין זיין גאַנג,
מיט געררויש און מיט געקלאַנג.

ווי איך זעץ מיך נאָר אַרויף,
טוט אַ ברום דער זאָטל־שרויף:

— זיץ נאָר פעסט! זיץ נאָר פעסט!
די פּעדאַלן צוגעפּרעסט,

שרייען אויס צו מיינע שיך:
— דרייט נאָר גיך! דרייט נאָר גיך!

לאָז איך מיך אַזוי אַוועק
איבער גאַסן און געזעג. —

בורטשען רעדער אָנגעבלאָזט:
— זיך צעיאָגט! זיך צעלאָזט!

און דער רול טוט שאַרף אַ זאָג
צו די הענט, ביי יעדן ראָג:

— קיר־ר־ר־רעווען זיך פיין!
גאַס אַרויס! גאַס אַריין!

און דאָס גלעקל הויך און קלאָר,
מאַכט אַ וואָרע ווען איך פאָר:

— קלינג־קלינג־קלינג! אַוועק! אַוועק!
שטייט מיר ניט אין מיטן וועג!

האַלט דער טאָרמאָז אָן די וואָך,
אין דער גאַס און אויפן שליאָך.

ווי אַ שטערונג — מאַכט ער: — סטאָפּ!!
אַ געפאַר! שטעל זיך אָפּ!

האָב איך מיר אַ ביציקלעט,
וואָלט איר הערן ווי ער רעדט,

ווי ער טַעֶנהט אין זיין גאַנג,
מיט גערויש און מיט געקלאַנג.

אַ קונצנמאַכער

— האָקוס, פּאָקוס, טשירעקאָקוס!
גרילצט אַ הייזעריק געשריי.
שטייט אין מאַרק אַ קונצנמאַכער,
ווייזט ער קונצן אַלערליי:

שלינגט געצונדענע פּאַפּירן
און ציט סטענגעס פון דער נאָז,
וואַרפט אַן איי אין זיין צילינדער —
שפּרינגט אַרויס אַ גרויסער האָז.

רוקט אין האַלדז אַ שווערד אַ שאַרפֿן,
שטעכט זיך שפּילקעס אינעם קאָפּ,
נאָכדעם נעמט ער קנעפּלעך וואַרפֿן —
פֿאַלן זיי אין געלט אַראָפּ.

איצטער נעמט ער זיין צילינדער
אין די אויסגעדאַרטע הענט,
בעט ביים נייגעריקן עולם:
— מענטשן, שענקט מיר אַ פּאָר סענט!

שטייט און גאַפֿט דער קליינער איצל,
קוקט אים אָן פֿאַרוווּנדערט, שטום:
ניקלס מאַכט ער דאָך פֿון קנעפּלעך —
וואָס־זשע בעטלט ער אַרום?

רייסט זיך איצל אויס אַ קנעפּל,
טראָגט אים אונטער און ער קוועלט:
— נאַ דיר ליבער קונצנמאַכער,
מאַך דיר פֿונעם קנעפּל געלט!

אַ פּידלער

ס'האָט דער טאַטע, פון יאַרידל,
מיר געבראַכט אַ נייע פידל.
דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל,, לאַ, סי,
שפּיל איך: טידל, דידל, די!

כ'האַלט דאָס קעפּל אָנגעבויגן
און פאַרגלאָץ דיביידע אויגן.
דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי,
שפּיל איך: טידל, דידל, די!

רעכטן טריט — פאָרויס אַביסל,
קלאַפּ דעם טאַקט צו מיטן פיסל.
דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי,
שפּיל איך: טידל, דידל, די!

קוועלט און וווּנדערט זיך די מאמע:
— קענסט דאָך אַזוי גוט די גאַמע!
דאָ, רע, מי, פאַ, סאָל, לאַ, סי,
שפּיל איך: טידל, דידל, די!

מוזיקאַנטן

יאָסל מַזיק בלאָזט טרומייט,
האַלט אַ העפּט צונויפגעדרייט,
טרובעט, ליאַרעמט, קאָכט און ברענט,
אַזש סע ציטערן די ווענט:

טרו-טו-טורו! טרו-טו-טורו!
אַזש סע ציטערן די ווענט.

מיישל האַלט פאַרקערט אַ פאַן,
ס'איז פאַר אים אַ באַראַבאַן.
מיט אַ לעפל פויקט ער הויך,
צימבלט — אַזש סע גייט אַ רויך:
טראָם־באָם, בים־באָם!
טראָם־באָם, בים־באָם!
צימבלט, אַזש סע גייט אַ רויך.

בערל קווּטשעט, זינגט און שרייט,
האַלט דאָס קעפּל אויף אַ זייט,
שטאָק אויף שטעקל, הין און צ'ריק —
ס'איז אַ פידל מיט אַ סמיק:
טידל־דידל! טידל־דידל!
ס'איז אַ פידל מיט אַ סמיק.

איצל אַרבעט נעבעך שווער,
דרייט דעם קאָפּ אַהין, אַהער,
וואַרפט אַרויף, אַראָפּ די הענט —
איצל איז דער דיריגענט:
איינס, צוויי, דריי, פיר!
איינס, צוויי, דריי, פיר!
איצל איז דער דיריגענט.

בלימעלעך

פילפאַרבעדיקע קליידעלעך,
עס שפּילן קליינע מיידעלעך.
פיל גלעקלדיקע שטימעלעך —
זיי שפּילן זיך אין בלימעלעך.

רופט אוים די קליינע איטקעלע:
— כ'וויל הייסן מאַרגאַריטקעלע!
דאָס בלאָנדהאָריקע זיסעלע,
וויל ווערן אַ נאַרציסעלע.

— מיר פאַסט דער נאָמען ליליעלע!
שרייט אוים די קליינע ציליעלע.
— און איך הייס אַנעמאָנעלע!
זינגט מיט אַ ניגון סאָניעלע.

און מינעלע — זשאַסמינעלע,
און חנהלע — טולפּאַנעלע.
ס'קלייבט אוים אַ יעדעס מיידעלע
אַ נאָמען פון אַ קוויטעלע.

— איך דאַרף קיין פרעמדן נאָמען ניט!
קלינגט פלוצלונג אויף אַ שטימעלע:
— מיך רופט מען טאַקע רייזעלע,
איך בין אַליין אַ בלימעלע!

כ'שפּיל מיט גאָלדעלעך אין צימער

כ'שפּיל מיט גאָלדעלעך אין צימער,
האָט זי איינפאַלן — אַ וועלט.
בייט מיין ראָל זי יעדע רגע,
מוז איך טאָן וואָס איר געפעלט.

אָטאָ דאַרף איך זיין איר שילער,
קומען לערנען אין איר שול.
מאַכט זי גאָר אַ קאַרוסעלע
און איך רייט שוין אויף אַ שטול.

— איצטער בין איך שוירלי טעמפל!
זאָגט זי, גיט גראַציעז אַ קני:
— שפּיל פּאַפּאַ אויפן האַרמאָניק,
איך וועל טאַנצן פּונקט ווי זי!

און באַלד ווערט זי שטרענג און ערנסט:
— איך בין איצט אַ דאָקטער, זיץ!
ווערט מיין פּען אַ טערמאָמעטער
און זי מעסט מיך שוין די היץ.

— שאַ, איך גיי שוין קאָכן עסן,
דו צעשייער דאָס געשיר!
שטייסט שוין ליידיק? נעם די ליאַלקע,
גיב נאָר אַכטונג גוט אויף איר!

כ׳שפּיל מיט גאָלדעלען אין צימער,
האָט זי איינפאַלן — אַ וועלט.
בייט מיין ראָל זי יעדע רגע,
מוז איך טאָן וואָס איר געפעלט.

ווײל איך אויך אַזוי

זע איך ווי מײן טאַטע שרײבט —
ווײל איך אויך אַזוי!
ווײל די פען ניט גײן בײ מיר,
שטעכט זיך אָן אין דעם פּאַפּיר,
כ׳גיס די טינט אויס און צעשמיר.
ס׳איז אַ שווערע זאַך אַזאַ,
וויזשע מאַכט עס טאַטע, האַ?
זאָגט, איך בעט אײך, אױ,
איך ווײל אויך אַזוי!

זע איך ווי די מאַמע נייט —
וויל איך אויך אַזוי!
נעם איך נאָכטאָן ווי זי טוט,
כ'האַלט די נאָרל דוכט זיך גוט —
נאָר צעשטעך מיך באַלד ביז בלוט.
ס'איז אַ שווערע זאַך אַזאַ,
ווזשע מאַכט עס מאַמע, האַ?
זאָגט, איך בעט אייך, אוי,
איך וויל אויך אַזוי!

רויכערט זיידע אַ ציגאַר —
וויל איך אויך אַזוי!
קערט ער זיך אַ רגע אָפּ —
כאַפּ איך, פּיפּקע גיך: פּאָפּ־פּאָפּ!
הוסט איך און פאַרדריי דעם קאָפּ.
ס'איז אַ שווערע זאַך אַזאַ,
ווזשע מאַכט עס זיידע, האַ?
זאָגט, איך בעט אייך, אוי,
איך וויל אויך אַזוי!

די שרעקעדיקע

כ'בין שוין באַלד אַ מויד אַ גרויסע,
אָבער כ'שרעק מיך ווי אַ האָז;
ווי עס ווערט נאָר נאַכט אין דרויסן —
שטעק איך ניט אַרויס די נאָז.

כ'זיץ פאַרנורעט אין מיין צימער,
פענצטער שרעקן אַזוי שוואַרץ.
גיט אין זיי אַ שאָרך, אַ שימער, —
פאַלט מיר שיעור אַרויס דאָס האַרץ.

מיט די עלטערן צוזאַמען,
אַז איך גיי ביינאַכט אין גאַס,
טוליע איך מיך צו דער מאַמען
און בין שטאַרק צעשראָקן, בלאַס.

ווּ אַ ווינקל — דוכט זיך לויערט
אום אַ שֵׁד מיט טויזנט הענט,
אַ געשפּענסט איז יעדער מויער,
שוואַרצע ריזן אַלע ווענט.

כ'האָב אויף אַ פּאַפּיר מיסטאַמע,
ווען אַ טראָט געטאָן אין וועג,
ווילד אַ קוויטש געטאָן: „אוי, מאַמע!"
און געשטאָרבן שיעור פאַר שרעק — — —

שרייען אַלע: „מויד דו גרויסע,
זאָג פאַר וועמען שרעקסט זיך, וואָס?"
כ'וויים ניט! נאָר ביינאַכט אין דרויסן —
שטעק איך ניט אַרויס די נאָז.

נאַכטשפּיל

פֿינצטער איז די נאַכט און שפּעט,
ליגט קליין גאָלדעלע אין בעט.

שלאָפֿט און חלומט, שאַ און שטיל —
פּראַוועון שפּילגעצייג אַ שפּיל:

אָט איר אויסגעשטאָפּטער בער,
שפּאַנט אין צימער הין און הער,

זעצט צום פּיאַנעלע זיך צו,
שפּילט און זינגט: — בוהו! בוהו!

שטייט די ליאַלקע אויף מיט פֿרייד,
נעמט אָן ביידע זייטן קלייד,

קניט גראַציעז, שטייט אויף צוריק,
טוט די הענטלעך אַ צעוויג,

אויף די שפּיצן פֿינגער טרעט,
טאַנצט אַ פּרעכטיקן באַלעט.

זעט עס פּילקע — קוועלט אָן גרויס,
האָצט פֿון ווינקל־עק אַרויס,

שפּרינגט פֿאַר שׂמחה, נאָך אַ נאַנד,
צו דער וואַנט און פֿון דער וואַנט.

מיקי־מייזל טוט אַ לויף
אויפֿן ביציקלעט אַרויף,

יאָגט צום טאַקט אין ראָד, אָן הענט,
רונד אַרום די אַלע ווענט.

האַלט די שפּיל אָן שיין און פֿיין,
ביז אין העלן טאָג אַריין.

ביז דער רויטער גומי־האָן
ווערט אין כּעס און בלאָזט זיך אָן,

גיט ער אויפֿן טיש אַ פֿלי
און אַ קריי: — קו־קו־רי־קי!

שטיל זאָל ווערן! רויק! שאַטס! —
טוט ער פֿון געדולד אַ פּלאַץ.

הערט דער בער אויף די מוזיק,
לייגט זיך זיין אָרט צוריק.

און די ליאַלקע מיד און שטיל
פאַלט אַנידער אויפן דיל.

שרומפּט די פּילקע איַין אין שרעק,
שפּרינגט אַריין אין ווינקל־עק.

מיקי־מייזל שטעלט זיך אָפּ,
קריכט פון ביציקלעט אַראָפּ.

קלינגט דער בלעך־זייגער אוים אַכט
און — קליין גאָלדעלע דערוואַכט.

חַיֶהלעס ליאַלקע

שלעכט איז חַיֶהלע ביז גאָר,
שווינט איר ליאַלקע ניט קיין האָר,
ניט זי פּוצט איר, ניט זי צוואָגט איר,
רַק זי שרייט אויף איר און שלאָגט איר.

נעמט אין ערגעץ איר ניט מיט,
זינגט איר קיינמאָל ניט קיין ליד,
לייגט ניט שלאָפן איר אין בעטל,
גיט איר ניט קיין קוש, קיין גלעטל.

טוט אַ ווײלע זיך אַ שפּיל —
באַלד שליידער איר אָן דיל:
— ביסט מיר ליאַלקע שוין דערעסן!
און — אין גאַנצן איר פאַרגעסן...

זענען ליאַלקעס הענט צעדרייט
און אין בלאָטע איז איר קלייד,
אויפֿן נאָז אַ פֿלעק אַ מיאוסן
און די שיכעלעך צעריסן.

וויינט די ליאַלקע און די נעכט:
— אוי, ווי חיהלע איז שלעכט!
וואָלט די טיר געווען אָפֿן —
וואָלט זי גאָר פֿון איר אַנטלאָפֿן.

אין קיך

קאַכט דער טשייניק שוין און זידט,
זינגט ער פֿריילעך צו אַ ליד:
— גול־גול־גול! און סיקי־סיק!
הערט מיין פּרעכטיקע מוזיק!

ווערט באַלד רויִק אין דער קיך,
וווּנדערן די כּלים זיך:
— אוי, ווי שיין דער טשייניק זינגט,
ווי געשמאַק זיין שטימע קלינגט!

שפּיצן אויערן די טעפּ,
לעפֿל שאָקלען מיט די קעפּ,
טעלער ווינקען שטילערהייט,
גלעזער גלאַנצן אַזש פֿאַר פֿרייד.

שרייט דער קאָכלעפֿל פֿון וואַנט:
— ס'איז דער טשייניק אַ טאַלאַנט!
נאָר דאָס קריגל קרימט די נאָז:
— אויך אַ ליד מיר! ווייס איך וואָס!

אין הויף

ביי דער בודע ליגט אַ הינטל
אויסגעצויגן, שטיל.
טוט אַ קיצל שטרוי אַ פּיצל —
גיט ער הויך אַ ביל.

מאַכט דאָס הינטל: „האַו!"

אויפן פענצטער ליגט אַ קעצל,
וואַרעמט זיך אין זון.
זיך געוואַשן נאָכן נאַשן —
וואָס־זשע ווייטער טון?

מאַכט דאָס קעצל: „מיאַו!"

הינטל: „האַו!"
קעצל: „מיאַו!"

גייט אין שטייג אַרום דאָס הינדל
הין און באַלד צוריק,
גייט און נייגט זיך; שוין געלייגט זיך,
קוואָקעט זי פּאַר גליק.

מאַכט דאָס הינדל: „קאָ־קאָ־קאָ!"

הינטל: „האַו!"
קעצל: „מיאַו!"
און דאָס הינדל: „קאָ־קאָ־קאָ!"

איז אַ בענקל — קינדלס פערדל
און אַ בייטש — די רוט,
העלדיש רייט עס, פריילעך שרייט עס,
ס'איז אים ווויל און גוט.

מאַכט דאָס קינדל: „וויאָ!"

הינטל: „האַו!"
קעצל: „מיאַו"!
און דאָס הינדל: „קאָ־קאָ־קאָ!"
און דאָס קינדל: „וויאָ!"

ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע

ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע,
פּינטלסט מיטן אייגל.
ביסט מקנא וואָס איך עס?
נאַ אַ קיי פון בייגל!

ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע,
שאָקלסט מיטן קעפּל.
וואָס, ס'איז ווייניק? דו ווילסט נאָך?
נאַ אַ ביס פון עפּל!

ציגעלע, מיגעלע, קאָטינקע,
טרייסלסט מיטן בערדל.
מער קיין עסן האָב איך ניט,
בעסער זיי מיין פערדל!

צווישן עופות

אין אַ שוואַרצן פראַק פון אַטלעס,
מיט אַ רויטע זיידן־וועסט,
גאַווהדיק, דעם קאָפּ פאַרריסן,
גייט דער אינדיק איצט אין געסט.

שפּרייזט פאַמעלעך, אָנגעבלאָזן,
גיט קיין נויג זיך ניט צומאָל,
קוקט אויף יעדערן מיט ביטול
און ער באַלדערט אויפן קול:

— האַלט איך, האַלט איך ווייט! אַ וואָרע!
ס'גייט דער פֿײַנסטער באַלעבאָס,
כ'בין געלאַדן פֿון דער רייכסטער
פּאַווע, אין איר גאָרטן־שלאָס!

ווערט אַ טומל צווישן עופֿות,
רייסן אַלע זיך פֿון אָרט,
לאַכן, חוזקן פֿון אינדיק,
וואַרפֿט אים יעדער צו אַ וואָרט:

— קוקורי־קאַריקאַטורע!
גיט אַ קריי דער רויטער האָן.
ווינקען זיך די קאַטשקעס איבער:
— קוואַטש!! — עס הייבט זיך גאָרניט אָן!

— קאַ־קאַ־קאַמיש! אוי, ווי קאָמיש!
גיבן הינדלעך אים אַ שטאָך.
— נאַרישער בעל־גאַ־גאַ־גאווה!
שרייען אים די גענדזלעך נאָך.

מוזיקס חלום

די לבנה שווימט אין הימל.
הינטל מוזיק כאַפּט אַ דרימל
אין זיין בודע. אויף די שטרויען
און עס חלומט זיך אַזוי אים:

— נאַ, איך שענק דיר אַ מתנה!
זאָגט און שמייכלט די לבנה:
— פעטע ביינדעלעך אַ בינטל,
ביסט אַ ליבער, וווילער הינטל.

נעמען שטראַלן שעמערירן;
הייבן אָן אויף זיי מאַרשירן
ווי אויף וועגן, אויף אַרונטער,
פעטע ביינער, פריי און מונטער.

ווי זיי גרייכן נאָר צום באָדן —
פלעכטן אויס זיי קאַראַהאָדן
אַרום מוציקן און שפּרינגען,
פּליאַסקען פרייליעך צו און זינגען:

— מוציק, מוציק, הינטל שיינער,
נעם און גריזשע אַלע ביינער,
ווי מיר שטייען, ווי מיר גייען,
און דו זאָלסט אונדז גרינג פאַרדייען!

מוציק לאָזט זיך לאַנג ניט בעטן,
כאַפּט דעם ערשטן ביין דעם פעטן,
וויל צו אים זיך פליסיק נעמען —
רייסן זיך אים אויף די ברעמען.

קוקט ער דול — נישטאָ מער קיינער,
אויס מיט אַלע פעטע ביינער.
— ליגנער, ווו איז דיין מַתָּנָה?
בילט ער הויך צו דער לְבָנָה.

דער קראָליק

פראַווען היינט די מייז באַנקעטן,
איז דער קראָליק אויך פאַרבעטן.

שוין אַ שָעה ביים שפיגל שטייט ער
און די לאַנגע וואָנצעס דרייט ער.

וויל די קראָלעכע זיך פלייסן —
בינדט זי אים דעם שניפס דעם ווייסן,

און די קראָליקלעך אין פירן
העלפן אים די שיך פאַרשנירן.

אָנגעטאָן דעם פראַק דעם שווארצן,
גיט ער זיך אַ כאַפּ ביים הארצן:

— אוי, וואָס טוט מען, אוי, אַ צָרָה,
מיט די אויערן די שפּאָרע.

זע, זיי שטייען אָפּ און שטאַרן
ווי ביי אייזלען, ביי די נאַרן.

שטאַרקער דאַרף מען זיין פון אייזן,
זיך מיט זיי אין געסט באַווייזן.

מע וועט הוזקן און שפּעטן.
ס'איז דער אַדל היינט פאַרבעטן,

סאַמע מייז אַריסטאָקראַטן. —
ווי־זשע קען איך זיי באַשטאַטן?

גיט די קראָלעכע אַ שמייכל
און אַ שריי אַרויס מיט שֵׂכל:

— שוטה איינער, נעם געשווינטער
און באַהאַלט זיי אין צילינדער!

דאָס פֿישעלע

שווימט אַ פֿישעלע
און שפּיזט די בליקן,
זוכט אַ קרישעלע
זיך צו דערקוויקן.

מיטן עקעלע אַ שמיץ
און דאָס וואַסערל אַ שפּריץ;
שווים־שווים — ווי אַ בליץ.

שמאַכט דאָס גערערמל
אין פּוסטן בייכל.
אָט איז אַ ווערעמל
אין מיטן טייכל.

מיטן עקעלע אַ שמיץ
און דאָס וואַסערל אַ שפּריץ;
שווים־שווים — ווי אַ בליץ.

מיט אָפן מײַלעכל
צו אים געפּליטערט;
אין לעצטן װײַלעכל
שטאַרק אויפגעציטערט.

מיטן עקעלע אַ שמיץ
און דאָס װאַסערל אַ שפּריץ;
שווים־שווים — ווי אַ בליץ.

דערזען אַ שטריקעלע,
אַ שאָטן שלאָגן —
אין אויגנבליקעלע
זיך אָפּגעטראָגן.

מיטן עקעלע אַ שמיץ
און דאָס װאַסערל אַ שפּריץ;
שווים־שווים — ווי אַ בליץ.

— אַ װענטקע איבער מיר,
אַ מענטש דערנעבן —
איז הונגער ליבער מיר
און בלייבן לעבן!

מיטן עקעלע אַ שמיץ
און דאָס װאַסערל אַ שפּריץ;
שװים־שװים — װי אַ בליץ.

אַ שטיבעלע

צוויי קליינע זשוקעלעך
גראָבן מיט די שנוקעלעך,
ראָיען אויס אַ גריבעלע,
בויען אויס אַ שטיבעלע.
שאַרן זאַמד און מישן ליים,
ווערט עס זיין אַ פיינע היים.

אויסגעריייניקט שוין אין מיטן
און אַ פענצטערל געשניטן.
— גאָט זאָל שירעמען און היטן,
אַז עס זאָל זיך ניט צעשיטן.

זיי דאַרפֿן מעבל האָבן
און הערן אויף צו גראָבן.
מיט די פּיסל־זעגעלעך,
מיט די שאַרפֿע נעגעלעך,
מיט די צווענגל־שנעבעלעך —
מאַכן זיי די מעבעלעך.

דאָ געפּיקט און דאָ געשניטן,
דאָ געזעגן אין דער מיטן.
— גאָט זאָל שירעמען און היטן,
אַז עס זאָל זיך ניט צעשיטן.

פֿון אַ גרינע בלעטעלע
מאַכן זיי אַ בעטעלע.
פֿון אַ קאָרע־קרישעלע
מאַכן זיי אַ טישעלע.
און פֿון בלומען־שטענגעלעך —
שטולכעלעך און בענקעלעך.

אַלץ צעשטעלט ביי זייט, אין מיטן,
שיינען זשוקעלעך צופֿרידן.
— גאָט זאָל שירעמען און היטן,
אַז עס זאָל זיך ניט צעשיטן.

שטייט דאָס שטיבל פאַרטיק שוין,
אויסגעפוצט גרויסאַרטיק שיין.
נעמען געסט צו קומען דאָ,
ווינטשעווען און זשומען דאָ,
פליגעלעך און בינעלעך,
פלאַטערלעך און שפּינעלעך,

היישעריקן און מאָסקיטן;
בְּרָכוֹת שיטן זיך און שיטן:
— גאָט זאָל שירעמען און היטן,
אַז עס זאָל זיך ניט צעשיטן!

די קראַנקע טשערעפּאַכע

איבער גלאַטע וועגן, פּלאַכע,
קריכט די גרויע טשערעפּאַכע.
אָך! אָך!
טשאָפּ! קראָך!
אָט אַזוי די גאַנצע וואָך.

איז איר פוס, אין סאַמע מיטן,
פון אַ שאַרפן שטיין צעשניטן.
אָך! אָך!
טשאָפּ! קראָך!
אָט אַזוי די גאַנצע וואָך.

צו דער שלאַנג דעם דאָקטער אירן,
הינקט זי, שלעפּט זי זיך קורירן.
אָך! אָך!
טשאָפּ! קראָך!
אָט אַזוי די גאַנצע וואָך.

קריכט זי צו די שלאַנגען־היילן,
וויל איר קראַנקן פוס פאַרהיילן.
אָך! אָך!
טשאָפּ! קראָך!
אָט אַזוי די גאַנצע וואָך.

און ס'אי' מעגלעך, אַז אינגיכן
וועט זי שוין אַהין דערקריכן.
אָך! אָך!
טשאָפּ! קראָך!
אָט אַזוי די גאַנצע וואָך.

קאַץ און קעצעלעך

(קרייזשפּיל)

— גייט אין רעדל קעצעלעך,
איך וועל שטיין אין קאָן,
כ'וועל אייך לערנען, קליינינקע,
וואָס איר האָט צו טאָן.

— מאַמע קאַץ, מאַמע קאַץ,
ביסט דאָך קלוג און גרויס,
וואָס דו וועסט אונדז הייסן טאָן —
פאָלגן מיר דיר אויס!

— אָט איז מילך אַ טעצעלע,
שטעלט זיך איצט אַוועק,
זאָל אַ יעדעס קעצעלע
לעקן גיך: לעק־לעק!

— מאַמע קאַץ, מאַמע קאַץ,
ביסט דאָך קלוג און גרויס,
וואָס דו וועסט אונדז הייסן טאָן —
פאָלגן מיר דיר אויס!

— דאַרפֿן אַלע קעצעלעך
זויבער זיין ביז גאָר,
מיט די קליינע לאַפּקעלעך
וואַשט און קעמט די האָר.

— מאַמע קאַץ, מאַמע קאַץ,
ביסט דאָך קלוג און גרויס,
וואָס דו וועסט אונדז הייסן טאָן —
פֿאָלגן מיר דיר אויס!

— איצטער, אַלע קעצעלעך
לויפֿט אַרום אין קרייז,
טאַנצנדיק און שפּרינגענדיק
יאָגט זיך נאָך די מייז.

— מאַמע קאַץ, מאַמע קאַץ,
ביסט דאָך קלוג און גרויס,
וואָס דו וועסט אונדז הייסן טאָן —
פֿאָלגן מיר דיר אויס!

מייז-עקסקורסיע

קליינע מייזעלעך, אין קאָרן,
שפּאַנען זשאַבעס אײַן אין פאָרן
אין קאַרעטעס, און זיי פאָרן
ווייט אויף אַ שפּאַציר.
גילדערנע געשפּאַנען גלאַנצן
אויסגעפּוצט אין בלומען־קראַנצן,
און די זשאַבעס שפּרינגען, טאַנצן
פלינק אויף אַלע פיר.

זשאַבעס שפּרינגען: שפּרינג! שפּרונג!
גלעקלעך קלינגען: קלינג! קלונג!
מייזלעך טומלען, זידן,
האָצקען זיך צופרידן.

שוין דאָס פעלד אַדורכגעשניטן
און אַ גראָבן אויסגעמיטן.
אין דעם וועלדל, דעם צעבליטן,
פאָרן זיי אַריין.
זינגען פייגל ווען זיי קומען,
בינען, פליגן פריילעך זשומען,
און די שמעקעדיקע בלומען —
גריסן זיי גאָר פיין.

זשאַבעס שפּרינגען: שפּרינג! שפּרונג!
גלעקלעך קלינגען: קלינג! קלונג!
מייזלעך טומלען, זידן,
האַצקען זיך צופרידן.

נעבן רויטע מוכאָמאָרן,
זינגען שרעטעלעך אין כאָרן.
האַלטן מייזלעך איין דאָס פאָרן,
שטייגן אַלע אויס.
און מיט פריילעכע געשרייען,
זיך צעפאָרנדיק אין אין צווייען —
טאַנצן זיי אין גלייכע רייען,
מויז אַנטקעגן מויז.

זשאַבעס שפּרינגען: שפּרינג! שפּרונג!
גלעקלעך קלינגען: קלינג! קלונג!
מייזלעך טומלען, זידן,
האַצקען זיך צופרידן.

האַצקען לעבעדיק און מונטער,
ביז די זון פאַרגייט ווי צונטער;
דעמאָלט ברעכט דער טאַנץ זיך אונטער,
שטילט זיך די מוזיק:
ס'ווערן שרעטעלעך אַנטשוויגן.
מייזלעך זאַט פון פאַרגעניגן,
און די קאַטשן איינגעשטיגן —
לאָזן זיך צוריק.

זשאַבעס שפּרינגען: שפּרינג! שפּרונג!
גלעקלעך קלינגען: קלינג! קלונג!
מייזלעך טומלען, זידן,
האַצקען זיך צופרידן.

מיקי-מייז

(קרייזשפּיל)

קינדער, שטעלט זיך אין אַ קרייז,
אַלע זענען מיקי-מייז.

מיקי-מייזל, מיקי-מויז,
קום אַריין און גיי אַרויס.

דאָ אין מיטן ליגט אַ קעז,
גנבֿע זיך אַריין און עס.

מיקי-מייזל, מיקי-מויז,
קום אַריין און גיי אַרויס.

ליגט אַ ברויטל אויפֿן טיש,
גריזשע אָפּ פֿון אים אַ קריש.

מיקי-מייזל, מיקי-מויז,
קום אַריין און גיי אַרויס.

שטייט דאָ מילך אַ פולער טאָפּ,
גיב אַ לעק און טראָג זיך אָפּ.

מיקי־מייזל, מיקי־מויז,
קום אַריין און גיי אַרויס.

שוין פון אַלץ גענאָסן פיין,
שיק אַ צווייטע מויז אַריין.

מיקי־מייזל, מיקי־מויז,
קום אַריין און גיי אַרויס.

ראַסע

מיקי־מייזל איז געקומען
פון דער שול מיט אַ געוויין:
— הי־הי מאַמע! הי־הי מאַמע!
כ'וועל שוין מער אין שול ניט גיין!

מיקי־מויזעכע די מאַמע
האָט אַרומגעכאַפּט איר קינד:
— וואָס האָט זיך מיט דיר געטראָפן?
זאָג מיר, ווי איז מיר און ווינד!

— הי־הי מאַמע! הי־הי מאַמע!
מיקי־מייזל האָט געקלאָגט:
— אונדזער ראַסע איז די ערגסטע,
האָט דער לערער היינט געזאָגט,

אַז מיר האָבן לאַנגע עקן
און מיר גריזשען אָפּ די וועלט;
אונטערערדישע אַסיפֿות
פירן מיר געהיים, פאַרשטעלט.

און די קינדער מאַכן חוזק,
אַלע טרייבן מיך אַוועק,
העזל שנעלט מיר נאָר אין אויער,
הענדל צופּט מיר פאַרן עק.

מיקי־מויזעכע די מאַמע
גלעט איר קינדל מיט אַ קרעכץ:
— נו, נו, וויין ניט! אָ, פאַרדאָרבן
איז די וועלט און פול מיט שלעכטס!

מיקי־מייזל אָבער כליפּעט
און פאַרגייט זיך אין געוויין:
— הי־הי מאַמע! הי־הי מאַמע!
כ׳וויל שוין מער אין שול ניט גיין!

מיקי־מויז

מיקי־מויז,
מיקי־מויז,
איז אויף אַ שפּאַציר אַרויס,
שפּרייזט אין פעלד
ווי אַ העלד
אין דער ווייטער וועלט.

אַלע גלעזעלעך אין וועג
גלעטן אים איר לאַנגן עק,
בלוּם און קווייט
ווו זי גייט —
גריסן זי מיט פרייד.

מיקי־מויז
הייבט די טריט,
זינגט זיך פריילעך צו אַ ליד:
— טראַ־לאַ־לאַ!
האָפּאַ־פּאַ!
כ'בין אַ העלד אַזאַ!

נאָר פון גראָבן לעבן וועג,
לויערט פּיקסל ריזן־עק,
שפּרינגט אַרויס
שטאַרק און גרויס,
גלייך אויף מיקי־מויז.

מיקי־מויז,
מיקי־מויז,
לאָזט זיך לויפן צו איר הויז,
יאָגט אין שרעק,
שמייסט איר עק
אין די זייטן וועג.

פּיקסל אָבער גיט אַ שפּרונג,
טוט אַ פּאַק און גיט אַ שלונג
מיקי־מויז,
מיקי־מויז.
איז די מעשׂה אויס.

איינהאלט:

זייט

פייגל אין דער לופטן	7
פייגעלעך (קרייזשפיל)	8
פרילינגס מארש	10
די פאסטושקע און די נענדזלעך (קרייזשפיל)	12
פליו, פליו, פילי!	14
ציג און וואָלף (קרייז שפיל)	15
שניט	17
ס'איז וואקאציע שנעל אנטלאָפן	19
דער בושל אין הארבסט	21
האָט די רויז דעם קאָפּ פארבויגן	22
א פייגלטיש	23
א זאווערוכע	25
נים צו גלויבן	27
די באָבע און די אייניקלעך (קרייזשפיל)	29
א מַעֲשה אהין, א מַעֲשה אהער	32
א בער	34
דאָס צוואנציקסטע יאָרהונדערט	37
אויפן בארג, אין גרינעם גראָז	39
וויג־ליד	41
שלאָף מיין קינדעלע, שלאָף	42
באגינען	44
טראפיק	46
אַלע אין דער פרי (קרייזשפיל)	49
איך שרייב שוין מיט טינט	53

זייט

ס'איז גרינג צו זיין א לערער...	56
ראדיא	58
כ'האב ליב די פויזעס...	59
דער מאלער	61
א טאלאנט..	63
קיטא	64
א זונענהאז	67
צום אויטאמאט	69
דער שיכפוצער	70
די שפראך פון ביציקלעט	72
א קונצנמאכער	74
א פידלער	76
מוזיקאנטן	77
בלימעלעך	79
כ'שפיל מיט נאלדעלען אין צימער	81
וויל איך אויך אזוי	83
די שרעקעדיקע	85
נאכטשפיל	87
חיה'לעם ליאלקע	90
אין קיך	92
אין הויפל	93
צינעלע, מיגעלע, קאטינקע	95
צווישן עופֿות	96
מוזיקס חלֿום	98
דער קראליק	100

זייט

דאָס פישעלע — — — — — — — — — — — — — — — — — 102

אַ שטיבעלע — — — — — — — — — — — — — — — — — 105

די קראַנקע טשערעפּאַכע — — — — — — — — — — — — — 108

קאַץ און קעצעלעך (קרייזשפּיל) — — — — — — — — — — 110

מייזן-עקסקורסיע — — — — — — — — — — — — — — — 112

מיקי מייז (קרייזשפּיל) — — — — — — — — — — — — — 115

ראָסע — — — — — — — — — — — — — — — — — — 117

מיקי מויז — — — — — — — — — — — — — — — — — 119

פאַרטייטשונג פון די שפּאַנישע ווערטער :

וויזשילאַנט — — — — — —	פּאָליציימאַן, פּאָליציאַנט
טראַפּיק (אַ) — — — — — —	פאַרקער, גאַסן-באַוועגונג
סובטעראַניאַ — — — — — —	אונטערערדבאַן
סי סעניאָר — — — — — — — —	יאָ, מיין הער
עסקינע (אַ) — — — — — —	ראָג גאַס
פּעלאָטע (אַ) — — — — — —	פּילקע, באָל

דערשינען אין בוענאָס איירעס, אין
מאָנאַט יולי פון 1939 אין דער
דרוקעריי „פּאָליגלאָטאַ“
פון מ. פּערצאָווסקי
קאָריענטעס
3114
*

FEIGL IN DER LUFTN

(PAJAROS EN EL AIRE)

POESIAS Y RONDAS PARA NIÑOS

DE

SAMUEL CHESLER

●

TUCUMAN - ARGENTINA
1 9 3 9